„Radomer-Kielcer Leben" 43 (333) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VII-ער יאָהרגאַנג פּרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

הײנט א זײטע.

Radom, Piątek 7 Listopada 1930 r.

ראדאָם, פרײטאג ט״ז מרחשון תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייז:
אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "

מײנע ליבע קוזינקעס מלכה און ריווע ראָזענצווייג
צו זײער אָבפאָהר נאָך פּ א ר י ז
א גליקליכע רייזע
ווינשט
לײזער טעפּערמאַן.

דער סקלאַד פון אײנגלענדישע און אויסלענדישע לעדער
פון הענריק בארענשטיין
איז פון מאַנירשקי גאַס 5 איבערגעטראַגען געוואָרען אויף לובלינער גאַס נומ. 34 אין הויף, נייע עפּיצינע אין פּארטער
— בעזיצט אויפ'ן סקלאַד: —
חראָמעס, געמזעס, לאַקערען, זאַמש
שוואַרצע און פערשידענע, מאָדערנסטע קאָלירען.

SAIGON-TEA (Aromatyczna)
„Róża Cesarska"
איז צו בעקומען און פאָדערט אין אלע הורט און דעטאַל-געשעפטען.
די טהעע „רוזשא צעסארסקא" צייכענט זיך אויס מיט דעם פיינסטען
— — אראָמאַט, שמעקט זעהר גוט און האָט דעם אמת'ן קאָליר. — —
„רוזשא צעסארסקא" ווערט געפּאַקט אין פּעקלעך פון 50, 100,
— — 200 גראַם, ווי אויך געשיטע טהעע. — —
די הויפּט-פאַרטרעטונג אויף דער קעלצער וואָיעוואודסטווע
—— איז איבערגעגעבען די א״ה: ——
H. Zajdenweber i L. Goldblum
RADOM, Kozieniecka 2, tel. 86.

וויכטיג פאַר מענער-שניידער!
דער בעוואוסטער לאַנג יעהריגער אינסטרוקטאָר פון דער פאַריזער שניידעריי-אַקאַדעמיע Paris, Luwer 17 ה' יאַקיב ראָזענבלאַט האָט בעקומען פון של-קוראַטאָריום קאָנצעסיאָנירטע רעכט צו עפענען אין פוילען שניידעריי-שולען. — אויף דער ביטע פון דער קעלצער האנדווערקער-קאַמער האָט ה' יאַקוב ראָזענבלאַט געעפענט א ש ו ל ע אין קעלץ. יעדער, ענדיגענדיג דעם קורס, בעקומט גלייכצייטיג א דיפּלאָם פון דער רעגירונג. פאַר גרופּעס פון דער פּראָווינץ ווערט ארויסגעשיקט א אינסטרוקטאָר, וועלכער האָט דאָס רעכט צו דיפּלאָמירען די וועלכע ענדיגען דעם קורס. איך בעזיץ אויך צום פערקויף פערשידענע מאָדעלען.
Jakòb Rozenblat, *Kielce, Sienkiewicza 35*

17 — 17

# בעדענקט זיך
און קלויבט אויס:
## ווירדע אדער מה=יפית?

## יודישער וועהלער!
### געדענק
וועגען דער טויזענדיעהריגער יודישער
טראַדיציע פון עקשנות'דיגען און מסירת-
נפש'דיגען קאַמפּף פאַר גערעכטיגקייט,
פאַר דער אויפלעבונג און פולע פּאָליטישע,
ווירטשאַפטליכע און קולטורעלע
גלייכבערעכטיגונג פון די מאסען
פון דיין פאָלק אין גלות און אין א״י.

# גיב אָז דיין שטים
פאַר דער איינציגער ליסטע
פון דער יודישער ווירדע,
## אויף דער ליסטע פון אונזער בלאָק
17 17 17

# 17 אין די ליסטע פון קאמפף פאר די יודישע אינטערעסען און פאר די יודישע רעכט אין פוילען. 17

## 4 - קלאסיגע יודישע שולע.

די שולע פון ליפשיץ - העכטמאן איז לעצטענס רעארגאניזירט געווארען. עס זענען צוגעטרעטען נייע פעדאגאגישע כח׳ת מיט העכערע בילדונג און די שולע האט זיך אנגעשלאסען אין שול-קולט אין ווארשא.

די בילדונגס-צענז פון דער שולע איז אוועקגעשטעלט אויף 4 קלאסען גימנאזיום. א חוץ דער וועלטליכער בילדונג ווערען אויך געלערנט אין א בעדייטענדע מאס יודישע למודים.

## פראטעסט פערזאמלונג פון דער שול - יוגענד פון גימנאזיום „חובבי דעת"

דינסטאג דעם 4 ד. מ. איז דורך דע איניציאטיוו פון דער דירעקציע פון גימנאזיום „חובבי דעת" פארגעקומען א פראטעסט-פערזאמלונג פון די שילער געגען דעם „ווייס בוך" פון ענגלישער לייבאר-רעגירונג.

מיט רעפעראטען ווענען דער געשאפענער לאגע אין ציוניזם און וועגען די ווייטערדיגע ארבייט זענען ארויסגעטרעטען: דיר. הורוויטש, פראפ. שיצער, פראפ. ווארצמאן, פראפ. קארמאן און די שילער: פ. פישמאן און מ. שאפיר.

## אנאנימער נדבן.

די געזעלשאפט „עזרה" האט בעקומען צוגעשיקט א נדבה 10 זל. אהן א נאמען פון וועמען דאס געלד איז.

די קוויטירונג פון „עזרה" פאר דער אנאנימער פערזאהן געפינט זיך אין רעדאקציע.

## קרייז - קאנפערענץ פון ליסטע 18.

### צוגעשיקטער קאמוניקאט

זונטאג איז אין לאקאל פון האנדווערקער-קלוב וואלאווא 59 פארגעקומען א קרייז-קאנפערענץ פון אלגעמיינעם יודישען נאציאנאלען ווירטשאפטליכען בלאק פון 19 וואהל-קרייז.

צו דער קאנפערענץ זענען געקומען דעלעגאטען פון אלע שטעדטלעך, וועלכע געהערען צו דעם וואהל-קרייז.

די קרייז-קאנפערענץ האט געעפענט ה. מאגנישעווסקי (האנדווערקער-קלוב) מיט א לענגערע בעגריסונגס - רעדע.

נאכהער ווערט אלס פארזיץ אויסגעוועהלט ה׳ מ. הורוויץ. דער לעצטער לאדענט-איין אין פרעזידיום די ה״ה: י. מ. לעסלוי, מ. אייזמאן, איידעלבוים, וו. בוימאן, א. מ. לאנדא און אלס סעק. י. יאנאווסקי און מ. ווארגאן.

עס ווערען געהאלטען בעגריסונגען: מ. הורוויץ (אגודה), מאגנישעווסקי (האנדווערקער), ל. פרידמאן (צא״י), ראזענצווייג (מא״י). דאן בעגריסען די דעלעגאטען פון פראווינץ.

ה׳ א. י. לאנדא בעגריסט א. נ. פון בהח״ס דאלעקסאנדער און ער ערקלערט אין נאמען פון הרב י. דאנציגער, אז דער לעצטער איז געווארען אויפגעפאדערט פון אדמו״ר שליט״א מאלעקסאנדער צו ארבייטען לטובת די ליסטע № 18 און ער דעקלארירט זיך אין דער עקזעקוטיווע פון וואהל-קאמיטעט און, אז אלע מתפללים וועלען ארבייטען מיט מסירת נפש לטובת די ליסטע № 18.

דאן בעקומט דאס ווארט הרב יוסף גליקער, פארשטעהער פון ווירטשאפטליכען בלאק. דער חשוב׳ער רעדנער האלט א זעהר געלונגענעם אנדערס. האלבען שעה׳דיגען דעפעראט, אין וועלכען ער בעלויכט דאס נויטווענדיגקייט פון שאפען דעם אלג. יוד. ווירט. בלאק און ענדיגט זיין רעפעראט מיט אן אפפעל, אז אלע זאלען ארבייטען מיט מסירת נפש פאר דעם זיעג פון № 18.

דער צווייטער פארשטעהער ה׳ פלארמאן (האנדווערקער) קריטיקירט שארף ה׳ גרינבוים׳ס טעטיגקייט אין אלע סיים׳ען. עס ווערט געפיהרט א דעבאטע. אין וועלכען עס בעטייליגען זיך: וואַרגאהן (קינצק), איידעלבוים, מאגנישעווסקי, צימבאליסט (פשיטיק), מ. דאווידזאהן, נארדמאן (שידלאווצע), געלבארד (סקארושיסקא), ראקאטש (פשיטיק), מ. פלארמאן, ש. פארמיינסקי, נאגעל (סקארזשיסקא), יאנאווסקי (אסטראווצע) א. א.

צום סוף איז געווארען אנגענומען איינשטימיג פאלגענדע רעזאלוציעס:

די קרייז-קאנפערענץ פון אלגעמיינען יודישען נאציאנאלען ווירטשאפטליכען בלאק, וועלכער איז פארגעקומען דעם 2 ליסטאפאד 1930 אין ראדאם אין לאקאל פון האנדווערקער-קלוב וואלאווא 59, בעשליסט פאלגענדעס:

1) די אלע פערזאמעלטע דעלעגאטען און אנוועזענדע בעשליסען פייערליך צו ארבייטען מיט מסירת נפש פאר דעם זיעג פון № 18.

2) די קרייז-קאנפערענץ פאדערט אויף די אלע שטעדט און שטעדטלעך, וואס געהערען צו דעם קרייז אויסצופיהרען פינקטליך אלע אינסטרוקציעס פון צענטראלען וואהל-קאמיטעט. ספעציעל ווערען אויפגעפאדערט די האנדווערקער-פעראיינען פון דעם קרייז, צו ערפילען אלע אינסטרוקציעס פון צענטראלען וואהל-קאמיטעט אין האנדווערקער-פערבאנד.

3) די קרייז-קאנפערענץ פאדערט אויף אלע צו האלטען די צייטונג „דאס יודישע טאגבלאט" במשך די וואהלען, בעהייל די צייטונג אין די איינציגע, וואס האט זיך געשטעלט איננאנצען אויף דער זייט פון די ליסטע № 18.

עס ווערט דאן געשאפען דער קרייז-וואהל-קאמיטעט און דערמיט ווערט די קרייז-קאנפערענץ מיט א געהויבענע שטימונג געשלאסען.


א צימער

מיט א פראנטאווע פענסטער

אין א גוטען פונקט

צו פערדינגען פון באלד

ערקינדיגען זיך אין רעד. פאר „ד".





שטארבען און געהן בעטלען ביי אנ׳-אייגען קינד וועל איך נישט, געדענקט זי נישט, אז זי האט א טאטען, וויל איך זי מעהר נישט קאנען.

איך שלעפ זיך ווי א נע ונד׳ניק. איך פאל פון די כחות, דאס געלד האט זיך אויסגעלאזט, דיינע אייגענע קינדער זענען אנטלאפען פון דיר, איז שוין דען נישט בעסער צו בעגעהן זעלבסטמארד?

געהענדיג איינמאהל אזוי ווי א. שאטען אין די גאסען האב איך בעשלאסען: זעלבסטמארד. און זיך אוועקגעלאזט אהיים דארט אויפ׳ן בוידעם אויסצופיהרען דעם בעשלוס. דארט וועט כאטש נישט זעהן קיינער מיין ענדע. כ׳האב געשטעלט האסטיגע טריט אהיים און מיין גאנץ לייב האט געשריגען אין מיר: זעלבסטמארד. זעלבסטמארד, זעלבסטמארד. אבער אנשטאט זעלבסטמארד בין איך אריין אין „טשעקא". ווי אזוי דאס איז געשעהן וועל איך דערצעהלען ווייטער.

(פארטזעצונג קומט.)

# וואַהל - קאָנפערענץ אין דער ראַדאָמער יודישער גמינע.

## (צוגעשיקטער קאָמוניקאַט)

היינטיגע וואָך, זונטאַג, איז אין דער היגער יודישער גמינע פאָרגעקומען א וואַהל-קאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט פאָרשטעהער פון די יודישע גמינדעס פון די פאָוו-אַטען ראַדאָם, קאָנסק און אָפּאָטשנע.

די זיצונג עפענט הרב יחיאל קעסטענבערג און לאַדעט-איין אין פרעזידיום דעם שידלאָווצער רב ראַבינאָוויטש, דעם פרעזעס פון דער ראַדאָמער יודישע גמינע ה' ל. פרידמאַן, דעם קוראַטאָר פון יודישען שפיטאָל און ראַטמאַן פון מאַגיסטראַט ה' טענענבוים, דעם פרעזעס פון יודישען בירגער-פעראיין ה' גאָלדבלום. אין סעקרעטאַריאַט ווערען איינגעלאַדען דער הרב שאַפּירא פון פשיסיק, הרב קעסטענבערג פון קוזיף און דער סעקרעטאַר פון דער ראַדאָמער יודישער גמינע ה' שוואַרצבערג.

פרעזעס פרידמאַן קאָמוניקירט, אז רב מאָרגענשטערן און דער פאָרזיצענדער פון דער יודישער גמינע אין סקאַרזשיסק מעלדען זייער נישט אנוועזענהייט אויף דער קאָנפערענץ און זענען גלייכצייטיג מודיע, אז זיי שטימען - איין מיטצואַרבייטען מיט'ן וואַהל קאָמיטעט ביי דער יודישער גמינע אין ראַדאָם.

הרב יחיאל קעסטענבערג האַלט דאַן א לענגערען רעפעראַט, אין וועלכען ער בעהאַנדעלט אויספיהרליך די כאַאָטישע לאַגע, וואָס האָט זיך נעשאַפען אויף דער יודישער גאַס, אין צוזאַמענהאַנג מיט די סיים-וואַהלען. ער שטעלט זיך בעזונדערס אָב אויף דער שעדליכקייט פון די פּאַרטיי-לייט, וואָס פערשפרייטען דעמאָראַליזאַציע צווישען די אונבאַוואוסטזיניגע מאַסען פון דער יודישער בעפעלקערונג צום שאַדען פון דער זעלבער בעפעלקערונג. אין אינטערעס פון דער יודישער געזעלשאַפט — זאָגט הרב קעסטענבערג — פון די פאָוויאַטען ראַדאָם, קאָנסק און אָפּאָטשנע ליגט, אז די שטימען זאָלען אָנגעגעבען ווערען נאָר פאַר דער ליסטע נומער 1. די יודען אין פוילען זענען מחויב מיט אַלע כחות אונטערצושטיצען די יעצטיגע דעמאָקראַטישע רעגירונג, וועלכע איז די איינציגע, וואָס קאָן גאַראַנטירען שלום און רוה אינערהאַלב און מחוץ דער מדינה. די בעדערפענישען פון דער בעפעלקערונג פאַר א פרייער קולטורעלער און עקאָנאָמישער ענטוויקלונג און א פערבעסערונג פאַר'ן אַלגעמיינעם מצב. דאָס אַלץ קאָן נאָר פערווירקליכט ווערען דאַן, ווען אין דער שפּיץ פון דער דעמאָקראַטישער רעגירונג שטעהט דער פיהרער פון פאָלק, דער ערשטער פוילישער מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי.

דער רעדנער האַלט פאַר אַן אַבסורד, וואָס די פּאַרטיי-פיהרער האָבען צובראַכען דעם יודישען פראָנט און דערפיהרט, אז אין ראַדאָמער וואַהל-קרייז פיגורירען אַזש 4 יודישע ליסטעס און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ס'איז נישטאָ די מינדעסטע שאַנסען אַדורכצופיהרען אַ יודישען דעפּוטאַט צום סיים, אָדער סענאַט, האָבען זיי אונטערגענומען אַן'אַגיטאַציע, נישט אינטערעסירענדיג זיך אינגאַנצען מיט די לאָקאַלע בעדינגונגען אין ראַדאָמער, קאָנסקער, אָפּאָטשנער פאָוויאַטען. הרב קעסטענבערג קומט אַלזאָ צום אויספיהר, אז עס ליגט אין אינטערעס פון דער יודישער בעפעלקערונג אָפען און קלאָר צו פיהרען אַן'אַגיטאַציע, אז מ'זאָל שטימען נאָר פאַר דער ליסטע נומער 1 פון אונפּאַרטייאישען בלאָק פון צוזאַמענאַרבייט מיט דער רעגירונג.

עס רעדען נאָך דער וויצע-פרעזעס פון גמינע ה' האַכמאַן, ה' א. טענענבוים, ה' גאָלדבלום, דער קוזיפער רב קעסטענבערג, דער פרעזעס פון דער ביאַלאָבזשעגער יודישער גמינע ה' קאַהן, דער פאָרשטעהער פון „שומרי שבת" און אַנד., וועלכע שטיצען איינשטימיג אונטער די שטעלונג פון הרב יחיאל קעסטענבערג. און ס'ווערט איינשטימיג אָנגענומען א רעזאָלוציע ארויסצוגעבען אַן'אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג פון די אויבענדערמאָנטע פאָוויאַטען צו שטימען פאַר דער ליסטע נומ. 1, צו אָרגאַניזירען א עפענטליכען מיטינג. יעדער רב אין שטאָט איז מחויב צו שאַפען א קאָמיטעט, וואָס זאָל אָנפיהרען מיט דער אַקציע צווישען דער יוד. בעפעלקערונג צו שטימען פאַר דער ליסטע 1 און אַז די אַלע קאָמיטעטען זאָלען שטעהן אין קאָנטאַקט מיט'ן וואַהל קאָמיטעט ביי דער יודישער גמינע אין ראַדאָם.

ס'ווערט אויך אָנגענומען מיטצושיקען די רעזאָלוציע די בעבע אין ראַדאָם.

---

מיין געערטען חבר **יצחק זייענטשקאָווסקי** פאַר-סטאַרשי פון זייגערמאַכער-צעך דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל צוליב דעם טויט פון זיינע ליבע

**עלטערן** ז"ל

זיי געטרייסט און זאָלסט מעהר נישט וויסען פון קיין צער.

סטאַרשי פון זייגערמאַכער יובילערן גראַווירער-צעך אין קעלץ.

**שמואל בלומענפעלד.**

---

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר **יצחק זייענטשקאָווסקי** פאַר-סטאַרשי פון זייגערמאַכער יאוועלירען גראַווירער צעך צוליעב דעם טויט פון זיינע ליבע

**עלטערן**

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

די פערוואַלטונג פון זייגערמאַכער יאוועלירען גראַוויר-צעך אין קעלץ.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס מיין חבר **יצחק זייענטשקאָווסקי** צוליב דעם טויט פון זיינע

**עלטערן** ע"ה

זאָל זיי די ערד לייכט זיין

פאָרשטעהער פון זייגערמאַכער-צעך אין די האַנדווערקער - קאַמער אין קעלץ

**אברהם סאַלאָווייטשיק.**

---

Głębokie współczucie rodzinie **F R Y D M A N**

z powodu przedwczesnego zgonu ich còreczki

**L U B C I**

Kielce.

wyrażają **J. Albirtowie.**



# 1

# אויפרוף

## צו די יודען

## פון ראדאמער, קונצקער און אפאטשנער וואהל-ראיאן.

—— ——

עס דערנעהנטערט זיך דער טאג, וועלכער דארף דעצידירען איבער דעם גורל פון מלוכה וועזען פון דער פוילישער רעפובליק.

די יעצטיגע וואהלען צום סיים און סענאט האבען א גרויסע בעדייטונג פאר די צוקונפט און אויפבוי פון דעם בעפרייטען פוילישען לאנד, פאר דעם וואהלשטאנד און גליק פון אלע בירגער אויף יעדען געביעט פון פאליטישען, עקאנאמישען, ווירטשאפטליכען און געזעלשאפטליכען לעבען.

מיר יודען פון ראדאמער, אפאטשנער און קינצקער וואהל-ראיאן, שטעהען יעצט פאר א גרויסען פראבלעם. צוליעב דעם צובראכענען די יודישע איינהייטליכקייט אין ניטשט די האפנונג, אז מיר זאלען קענען אין אונזערע וואהל-ראיאנען א דורכפיהרען א יודישען מאנדאט, בפרט אז אין דער יודישער גאס קורסירען גאנצע 4 פאליטישע ליסטעס; צי זאלען מיר יודען זיך לאזען בעאיינפלוסען פון די פארטיי-דעמאגאגיע און זיך רעכנען מיט די פאבריצירטע אגיטאציע ארטיקלען, וואס מערען פערשפרייט יעצט אין דער יודישער גאס, און מיר זאלען מיט אונזערע שטימען נור דעמאנסטרירען דעם יודישען פירוד און, אז אונזערע וואהל שטימען זאלען נאר זיין לשם פארטיי דעמאנסטראציע. אדער מיר זאלען בעסער מאניפעסטירען אונזער בעוואוסטזיניגקייט, אונזער שטרעבונג און וואונש, ווי אייך די אנערקענונג פאר די שעפפערישע ארבייט פון דער יעצטיגער רעגירונג פון ערשטען פוילישען מארשאלעק

**יוזעף פילסודסקי.**

עס איז דאך מער קיינעם קיין ספק, אז דער פראגראם פון דער יעצטיגער רעגירונג איז שאפען און בויען דאס עקאנאמישע און ווירטשאפטליכע לעבען אין לאנד, אויפהויבען דעם שטאנד פון יעדען בירגער אהן אונטערשיעד פון גלויבען און נאציאן און צוצופיהרען צו א הארמאניש, היסטאריש צוזאמענלעבען פון אלע זיהן פון דער פוילישער ערדן

פאר דעם 3 מיליאנענדיגען יודישען פאלק, וועלכער איז צוגעבונדען צו דער פוילישער ערד פון הונדערטער דורות איז דאך זיכער געוואונשען און נויטווענדיג, אז די פוילישע רעפובליק זאל זיין וואס מעכטיגער און גרעסער, און וואס קענען מיר זיך נאר דערוואַרטען אויב די מערהייט פון קינפטיגען סיים און סענאט וועט זיין צוזאמענגעשטעלט פון א זעלכע שאפונגס-עלעמענטען, וועלכע וועלען צושטעלען די וויכטיגע קאנסאלידירונג פון די שעפערישע ארבייט, וואס איז געמאכט געווארען פון דער איצטיגער רעגירונג מיט'ן מארשאלעק יוזעף פילסודסקי בראש.

יודען בירגער! לאזט אייך נישט פערפיהרען פון געדונגענע פארטיי אגיטאטארען, וועלכע זענען נאר אויסען בלויזע פארטיי-מאפינאציעס און פערזענליכע „כבודים אמביציעס" לאזט נישט פערשוישען אייערע מוחות דורך פאלשע הבטחות, גיט אייך אב א דין וחשבון פון דעם עתיד, און געהט מוטיג און שפאלץ צו די וואהל-אורנע און גיט אב אייער שטימצעטעל פאר די „אונפארטייאישע ליסטע וואס מיטארבייט מיט די רעגירונג" און דאס איז די ליסטע **№ 1**

# יודישער פעראייניגטער וואהל=קאמיטעט

## פאר'ן ראדאמער, קונצקער און אפאטשנער וואהל-קרייז

## ביי דער יודישער קהלה אין ראדאם.

**הרב יחיאל הלוי קעסטענבערג** אבד"ק ראדום.

הרב מנחם מענדל קעסטענבערג דומ"צ ראדום, הרב חיים ראבינאוויטש אבד"ק שידלאווצא. הרב ישראל שפירא אבד"ק פשיטיק הרב מרדכי מארגענשטערן אבד"ק סקארזיסק-קאמיעננא, הרב שלמה זרח קעסטענבערג אבד"ק קוזיף-עדזיוואל, הרב נתן דוד גרינבוים אבד"ק פשעדבארז, לייבל פרידמאן פרעזעס פון די יוד. קהלה-פערוואלטונג אין ראדאם — הויזבעזיצער, בנימין האכמאן וויצע-פרעזעס פון יוד. קהלה-פערוואלטונג — האנדווערקער, ירחמיאל גוטמאן פערוו. מיטגליד פון יוד. קהלה און וויצע-פרעזעס פון שומרי שבת והדת, יצחק דוד זילבערבערג פערוואלטונגס-מיטגליד פון יוד. קהלה — ארטאדאקס, מיכל זיידמאן פערוואלטונגס מיטגליד פון יודישע קהלה — ציוני, מאטל זעלצער פערוו. מיטגליד פון יוד. קהלה און פרעזעס פון שומרי שבת ותדת און פון ביהמ"ד גבאים קאמיטעט, בעריש וויינאכט פערוואלטונגס מיטגליד פון יודישע קהלה—ארטאדאקס, אבא האך פערוואלטונגס מיטגליד פון יוד. קהלה און פרעזעס פון בעקער פעראיין, בערל גארפינקעל פערוואלטונג מיטגליד פון יודישע קהלה —ציוני, ל. מ. זילבערשטיין פערוו. מיטגליד פון יוד. קהלה און וויצע-פרעזעס פון לאקאטארען-פעראיין, חיים טענענבוים פערוואלטונג מיטגליד פון יודישע קהלה—ארטאדאקס, משה ווינטראב פערוואלטונגס-מיטגליד פון יוד. קהלה אין ראדאם—ציוני, מענדל פעלדמאן פרעזעס פון די יוד. קהלה אין סקארזיסק—ארטאדאקס, אינדוסטריעלער, נתן ראזענצווייג פארשטעהער פון די יוד. קהלה אין שידלאוויעץ—ארטאדאקס, דוד קאהן פרעזעס פון די יודישע קהלה אין ביאלאברזיג—ארטאדאקס, ישעיי טאבער פארשטעהער פון די יודישע קהלה אין פשיטיק—ארטאדאקס, אליהו טענענבוים שטאטראטמאן און קוראטאר פון יודישען שפיטאל אין ראדאם—אינדוסטר., הירש אלי' גאלדבלום פרעזעס פון יודישען בירגער-קאמיטעט אין ראדאם—אינדוסטריעלער, לעאן בעקערמאן—אינזשיניער שמואל אדלער — אינדוסטריעלער, מ. צונג — דר. י. גאלדבלום—דר., י. טענצער—אינזשיניער, אברהם פעריל—ארטאדאקס, פ. קוראווער—אפטייק-אייגענטימער, חיים נייטאן—ארטאדאקס, וויצע-פרעזעס פון תלמוד תורה, שמואל יעקב בוים ארטאדאקס, מאטל צמח—אינדוסטר., ציוני, אברהם קארמאן אינד. ארטאד. מרדכי דען—אינדוסטר. יעקב אדלער—ג. פרעזעס פון סוחרים-פעראיין, מ, פרענקעל—דירעקטאר. אברהם שטעלמאן—אינדוסטריעלער. אברהם ראטענבערג—אינדוסטריעלער, גבריאל זיגמאן—פארזיצענדער פון שיעדס-געריכט ביים סוחרים-פעראיין, א. קאמינער, איטשע ווייצהענדלער, מענדיל שטיינבאך—הויזבעזיצער, ירחמיאל גערשטיין—אינדוסטריעלער, יוסף סאנועל—אינדוסטריעלער ציוני, שלמה קורטץ, נטע עהרליך, עזריאל גראסספעלד, דוד קארמאן—אינדוסטריעלער. אהרן פרידלאנד—אינדוסטריעלער, זיסקינד לעסלוי—ציוני אינדוסטריעלער. יעקב מענדל מרגליות—הויזבעזיצער ארטאדאקס, בנימין לאנדא—ציוני, ישראל לייב זיידענוועבער—ציוני, חיים קעניגסבערג—ארטאדאקס, משה לייב אסטראוויעצקי—ארטאד, שלמה אליעזר גארפינקעל—ארטאדאקס, בנימין הארוויטץ—הויזבעזיצער, הירש זיידענשניר—הויזבעזיצער, שלום בוים—ארטאדאקס, חיים אהרן וויינאכט—ארטאד., יעקב בארענשטיין—ארטאדאקס, יונה הערשע שטרוים—סוחר, פלטי גאלדפארב—ראט-מיטגליד פון האנדווערקער-באנק.

עס זענען פאראן נאך פיעל צעהנדליגער אונטערשריפטען פון פערשידענע רבנים, פרנסים און אנדערע חשוב'ע בע"ב פון ראדאם און אנדערע שטעדט און שטעדטלעך פון איגען וואהל-ראיאן.

23—07

# בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאַכט אַלע סוחרים פון ראַדאָם און פראָווינץ, אַז צום יעצטיגען סעזאָהן האָב איך צוגעגרייט אַ גרויסען אויסוואַהל

## שאַמאַט-אייווענס (פערציגקטע)

צו זעהר ביליגע פרייזען

וועלכע זענען שעהן און עסטעטיש אויסגעפערטיגט, זיי זענען שפּאַרזאַם און פּראַקטיש דערמיט, וואָס ביי אַ קליינע דאָזע ברען-מאַטעריאַל גיבען זיי וואַרימקייט אויף אַ לענגערע צייט.

צו בעקומען אין דער פאַבריק פון **בנימין האַכמאַן** ראַדאָם לובלינער 9.

---

פיעל גליק וואונשען מיר אונזער חבר

**מאיר בלאַנק**

— צו זיין חתונה —

פראָפ. פעראיין פון האַנדעלס און ביורא אַנגעשטעלטע אין קעלץ.

---

— די — שענסטע **טאַפּעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאַנג-יעהריגער פירמע

## ש. שטיינמאַן

ראַדאָם, לובלינער 21.

---

Niejaki D. A. zamienił w pociągu przez omyłkę walizkę z uczniem Szkoły tutejszej Antonim Wojtusiem.

Do p. D. A. kilkakrotnie pisał uczeń Wojtyś, a i ja wysłałem urzędowe pismo z dn. 8 października 1936 r. za Nr. 3163 pod wskazanym adresem Redakcji „Radomer-Kielcer Leben", jednak D. A. utrzymuje, że żadnych listów nie otrzymał.

Zgodnie z ostatnią prośbą p. D. A., wyrażoną w karcie do mnie z dn. 23|X r. b., proszę Redakcję „Radomer-Kielcer Leben" o umieszczenie następującego ogłoszenia:

„P. D. A. W walizce p. D. A., która jest u p. Wojtysia znajduje się: 1 garnitur czarny, materjał granatowy na jeden garnitur, 1 para lakierek, 2 koszule, 3 kołnierzyki i 1 pulower, walizka zaś Wojtysia, która jest u p. D. A. mieści: 1 garnitur jasny, portfel ze 110 zł. i różnemi dokumentami, 2 prześcieradła, 8 koszul, 3 pary kalesonów i różne drobne małowartościowe rzeczy.—

Proszę przyjechać do Łomży jak najprędzej i zgłosić się do Szkoły. Połowę kosztów podróży p. D. A. będzie zwrócono.

Koszta umieszczenia powyższego ogłoszenia pan D. A., jak pisze w swej karcie, już opłacił.—

**Dyrektor Szkoły.**

---

*Kino dźwiękowe „ŚWIT"*

**Dziś i dn. następnych**

## Romans nad Rio-Grande

W rolach głównych:

**Warner Baxder i Antonio Moreno.**

---

18 אַלע רעליגיעזע יודען, סוחרים, האַנדווערקער, קליינהענדלער שטימען נאָר אויף דער ליסטע פון 18

אַלג. יוד. **נאַציאָנאַל-ווירטשאַפטליכען בלאָק**

## נומ. 18

שבת ד. 8-טען ליסטאָפּאַד 1[30] נ. מ. קומט פאַר אין זאַל פון האַנדווערקער-קלוב וואַלאָווע 59

## א מאַסען-מיטינג ספּעציעל פאַר האַנדווערקער

שבת-צו-נאַכט דעם 8-טען ליסטאָפּאַד 7 אָוועגד קומט פאָר אין זאַל פון די געז. „עזרה" דלוגאַ 11

## א וואַהל-מיטינג

— מיט דער בעטייליגונג פון די ה"ה: —

**אלקסנדער זישא פרידמאַן** (וואַרשע)

און ה' **פלאַהרמאַן** וואַרשע (האַנדווערקער)

ווי אויך אײַדעלבוים, מאַגנישעווסקי, קאַטלער, ראָזענבוים מ. הורוויץ, א. י. לאַנדאַ א. א.

18 — איינגאַנג נאָר געגען איינטריטס-קאַרטען — צו בעקומען אין האַנדווערקער-קלוב. 18

(2308)

---

## די שטאָדט-גאַזאָווניע

— פערקויפט —

## הורט און דעטייל

פּרעפּאַרירטע סמאָלע — קאַרבאָלינעאום

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען

— פיהרט אויס —

## גאַז-אינסטאַלאַציעס

וואַננע אייוועלעך

קיכלעך צו קאָכען

אייוועלעך צו וואַרימען

— בעשטעלונגען נעמט-אָן —

## GAZOWNIA MIEJSKA

MŁODZIANÓW, Tel. 234 skrz. p. 28

---

*Kino ODEON Teatr*

Od poniedziałku 3 Listopada r. b.

**Niebezpieczeństwo przyszłości**

w rolach głównych ——— Fridr Kortner i Wiera Borankiewska

—Nad— program **Strajk żon**

---

*Kino CORSO Teatr*

**Dziś i dni następnych**

## Bohater pięści

w rolach głównych **Anna Stawar**

Nad program

V-ta serja *Goljat Armstrong*

---

*Kino-Teatr Nowe-Czary*

Dziś i dni następnych!

## Czarna Dama

w roli głównej **Lia Tora**

**Biała Siostra**

w roli głównej **Liliana Gish.**

Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 10.